# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X No. 1 | 50 CENTS A YEAR | SEPTEMBER 1927

## A NEW YEAR—A NEW HEART

Who does not know the Williamsburg Bridge? That span of steel and concrete which connects the teeming thousands of the Jews of the East Side of New York with the slightly less teeming thousands of Jews in the Williamsburg Section of Brooklyn. What a story it could tell if only it could talk of the millions of footsteps that have crossed their way over its paths; of the heartaches, of the disappointments of life, of unrealized dreams, of bitter disillusionment; and then what a story it could tell of romance, of joy, of conquest. But if you really want to see the Williamsburg Bridge in its most interesting phase, go there on Rosh Hashonah, our Jewish New Year Day. You will behold a scene that will open your eyes in wonderment and pity; for you will see there from 100,000 to 200,000 Jews wandering their way in what at first may appear to the uninitiated an aimless fashion; but here comes a venerable Jew with his long white beard, face very solemn, and under his arm a package wrapped in newspapers. He finds a spot close to the railing of the bridge, slowly unwraps the package, and we see a Hebrew Prayer-book brought to view. In a few minutes he is reciting prayers and truly agonizing before God, asking God to forgive him his sins, and to grant him a successful and happy year. The tears flow down his cheeks unchecked, and he truly wrestles with God. In a few minutes you will see him put his hand into his pocket, then draw out the pocket with its lining inside out and make a gesture as to throw the contents into the water beneath the bridge. By doing this he thinks that he is literally casting out his sins into the river and that he will have no more sins. He thinks he is thus fulfilling the prophecy of Micah 7:19. But the poor Jew goes home after his annual visit to the Williamsburg Bridge and there comes to him the sense of a heaviness like as of lead; down in his heart he knows that his sins have not been forgiven; he has prayed to a heaven of brass, and his prayers have gone no higher than the towers of the Bridge. And next day he goes back to his daily work; and if you ask him whether he is sure that his sins are forgiven, he will answer you, "I don't know; I hope so."

### No Rabbi Knows

For the truth is that there is not a Rabbi in America who can give to the Jew one single solitary verse of scripture to assure him that after he has gone thru his Rosh Hashonah ritual, he can really be sure that his sins are forgiven.

And so it goes year after year, and year after year we deceive ourselves and we carry on what we know in our hearts is only an empty ceremony devoid of all life and devoid of any life giving powers when actually at last we end our days in that frightful hour of death, the very thought of which makes a Jew shudder, and in that terrible hour we often do as Rabbi Yochanan ben Zachai did on his death bed; his disciples were gathered around him to give him comfort in his last hours and suddenly he turned his face to the wall and sobbed bitterly. The disciples greatly disturbed, asked him why he sobbed so; and he replied, "I have reason to sob, for I see before me two roads, and I know not on which one I am going."

And now once again we come to another Jewish New Year and once again many thousands of Jews will trudge their way with weary foot, to perform the same dead ritual, and once again they will go to their homes with sad hearts and with no assurance that their sins are forgiven.

But to the thinking Jew, and there are many such ones today in this country, and their number is increasing steadily, we want to emphasize this fundamental fact;—there can be no sins forgiven in the present day to any Jew or to any Gentile excepting through the blood of the Lord Jesus Christ who was crucified for our sins 1900 years ago at Calvary. You can do all the reciting of prayers that you want, you can afflict your souls all that you wish, you can give thousands of dollars for charity, but dear friend, not one of these things will forgive your sins. You will still be a sinner in the sight of God and you will have to answer to Him in the day of judgement for your sins.

### How You Can Be Sure

When the Lord Jesus was here upon the earth, He actually forgave people their sins and He could do that because He was God made manifest in the flesh. Just one illustration will be of interest here, and we will quote from the record as it is given in Luke 5:18—26

"And, behold, men brought in a bed a man which was taken with a palsy; and they sought means to bring him in, and to lay him before him. And when they could not find by what way they might bring him in because of the multitude, they went upon the housetop, and let him down thru the tiling with his couch into the midst before Jesus. And when he saw their faith, he said unto him, Man, thy sins are forgiven thee. And the scribes and the Pharisees began to reason, saying, who is this which speaketh blasphemies? Who can forgive sins, but God alone? But when Jesus perceived their thoughts, he answering said unto them, Why reason ye in your hearts? Whether is easier, to say, Thy sins be forgiven thee; or to say, Rise up and walk? But that ye may know that the Son of man hath power upon earth to forgive sins, (he said unto the sick of the palsy) I say unto thee, Arise, and take up thy couch, and go into thine house. And immediately he rose up before them, and took up that whereon he lay, and departed to his own house, glorifying God. And they were all amazed, and they glorified God, and were filled with fear, saying, We have seen strange things today."

The pharisees knew very well that only God can forgive sins, and when the Lord Jesus Christ did this they suddenly realized in their hearts that He himself must be God.

Now for the New Year, won't you as a thinking Jew honestly and earnestly come to the Lord Jesus Christ and thru Him receive for yourself forgiveness for your sins? He will give you a new heart and you will be a happy man and you will know without a single shadow of doubt that your sins are forgiven and that God will count them against you no more.



BETH SAR SHALOM

TROOP AVENUE AND WALTON ST.

BROOKLYN, N. Y.

Come to Our Meetings

EVERY FRIDAY ________ 8 P.M.

EVERY SUNDAY ________ 8 P.M.

You are cordially invited to any of these meetings. Come, bring your friends, we have a message to give you that is of the greatest importance to your soul's salvation.

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

PUBLISHED MONTHLY BY THE WILLIAMSBURG MISSION TO THE JEWS, 27 TROOP AVE., BROOKLYN, N. Y.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X No. 1 — 50 CENTS A YEAR — SEPTEMBER 1927


## תקיעת שופר פון ראש השנה

דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל געדענקט נאך גוט דעם איינדרוק וועלכען דער ראש־השנה מיט דעם תקיעת שופר האט אויף איהם אמאל געמאכט נאך אלס בחור.

ס'איז געווען נאך קריעת התורה, און מיר יונגע בחורים זיינען ארויס פון שוהל זיך אביסעל אבצורוהען. פלוצים איז געקומען די צייט פון תקיעת שופר און אלע האבען אנגעהויבען צוריק צו לויפען אין שוהל אריין. און ווייל ס'איז אויף מיר געקומען אזא אונגעריכט איילעניש, ווייל איך האב געזעהן ייי אנדערע זיינען געלאפען אין שוהל אריין מיט עפעס אזא מין בהלה ווי גלייך עס וואלט געברענט. און ווייל ווען איך בין אין שוהל אריין געקומען האט מען שוין געזאגט דעם „למנצח לבני קרח" מיט אזא יאמערליכען געשריי און געוויין אז ס'האט געקענט אפילו א שטיין ריהרען. ווייל אלע דיעזע אומשטענדען האבען זיך צוזאמען געטראפען אין איין מינוט, האט דאס אזא מין ווירקונג געמאכט אויף מיין גייסט, אז איך האב מיט גרויס ערענסט אלעס מיטגעזאגט, און מיט פחד און שרעק אין הערצען האב איך נאכגעדאכט דעם פירוש המלות דערפון.

און ווי דער בעל־תוקע האט נור אבגעבלאזען די ערשטע תקיעות (תשר"ת) האט דער גאנצער עולם אנגעהויבען צו זאגען דעם קליינעם „יהי רצון", א תפלה אז גאט ב"ה זאל אננעהמען די תקיעות „בזכות ישוע שר הפנים". אט־א־דאס איז מיר זעהר פריקרע פארגעקומען, און האב מיך אליין געפרעגט: „ווער איז דאס דער ישוע שר הפנים?" אין יענעם דארף איז געווען א איד א גרויסער למדן, האב איך געטראכט אפשר וועט ער וויסען ווער דאס איז. קורץ, איך בין צו איהם געגאנגען. ער האט מיך זעהר רעספעקטירט ווייל איך בין דעמאלס פון דער ישיבה געקומען. איך האב איהם תיכף די פראגע געשטעלט, ווער דער „ישוע שר הפנים" איז. און ווי ערשטוינט בין איך געווארען ווען דער גרויסער למדן האט מיר לחלוטין נישט געקענט דרויף ענטפערען. ער האט זיך נעביך אנגעהויבען צו גלעטען זיין לאנגע בארד, האט אויפגעצויגען די פלייצעס, פערקנייטשט דעם שטערען, און געזאגט: אפשר מיינט מען דאס עפעס א מלאך אין הימעל. אפשר עפעס א גרויסען גוטען איד פון אלע צייטען, מי יודע!

איך בין פון איהם דעמאלס אוועק געגאנגען אונצופריעדען. און זייט דאמאלס איז די פראגע אימער געווען אין מיינע געדאנקען, און א העפטיגע נייגיערדע האט אימער געלעבט אין מיין הערץ: ווער זאל דאס זיין דער „ישוע שר הפנים" אין וועמעס זכות אידען בעטען אז זייערע תפלות זאלען אנגענומען ווערען.

ענדליך איז די צייט געקומען ווען גאט ב"ה האט מיך געפיהרט צום ספר „ברית חדשה" וועלכעס האט מיר אויפגעעפענט מיינע אויגען, און האב במילא געזעהן אז דער „ישוע שר הפנים" איז קיין אנדערער ווי טאקע ישוע המשיח אליין. איהר פרעגט, פון וואנען איך וויים דאס? אין ישעיה ס"ג לעזען מיר: „אין אלע זייערע ליידען האט ער מיטגעליטען, דער מלאך פון זיין פנים האט זיי געהאלפען, מיט זיין ליעבע און בארמהערציגקייט האט ער זיי אויסגעלייזט . . . און זיי האבען אין איהם מורד געווען, בעטריעבט זיין רוח הקדש. . ." אט דא זעהען מיר בפירוש, אז דער מלאך פניו (דאס זעלבע וואס „שר הפנים") איז נור אליין ישוע המשיח, וואס האט מיט זיין גאנצער אהבה צו אונז, אונז די גאולה געבראכט, וועמען מיר ערביטערען נאך עד היום מיט אונזערען אונגלויבען אין איהם.

און פאר וואס, מיינט איהר, הייסט ער "מלאך פניו" אדער „שר הפנים?" הערט און פערשטעהט. צו משה רבינו האט גאט ב"ה אמאל געזאגט: „כי לא יראני אדם וחי". ד"ה, אז קיין מענש קען השב"ה זעהן און לעבען בלייבען. איז אבער געקומען א צייט ווען גאט ב"ה האט זיך יא געוואלט צייגען צו די וואס זיינען איהם געטריי; האט ער זיך מצמצם געווען אין דעם גואל צדק ישוע המשיח אזוי ווי ער האט זיך אמאל מצמצם געווען אין בית המקדש. (דאס וועט אונז אויך געבען צו פערשטעהן וואס ישוע המשיח זאגט צו זיינע תלמידים: „ווער עס זעהט מיך זעהט אויך גאט דעם פאטער". יוחנן י"ד). דערפאר האט איהם גאט ב"ה גערופען „מלאך פניו", ווייל ער רעפרעזענטירט דאס פנים פון גאט ב"ה אליין. און עד היום בליקען מיליאנען מענשען אין גייסטיגען פנים פון ישוע המשיח, דורך אמונה אין זיין גאולה, און געפינען די געטליכע נחמה אין איהם אזוי ווי זיי וואלטען כביכול אליין געזעהן.

דא שטעלט זיך אבער א פראגע, ווי קומט עפעס ישוע המשיח אין אידישען מחזור? און נאך מעהר פרעגט זיך: אז אידען בעטען יא „בזכות ישוע המשיח" וואלטען דאך זייערע תפלות יא בעדארפט געהערט ווערען, ווייל ישוע המשיח האט דאך געזאגט אין יוחנן י"ד: „כל אשר תשאלו בשמי אני אעשנו"? די אנטווארט איז, אז צווישען אונז אידען איז תמיד געווען יראים ושלמים וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח. און אזוי איז אויך געווען דער מחבר פון דעם „יהי רצון", נור וואזשעדען, אידען האבען איהם לחלוטין ניט פערשטאנען אזוי ווי זיי פערשטעהען אונז נאך עד היום נישט. אט זאגען זיי דעם „יהי רצון" אזוי ווי זיי זאגען א סך אנדערע תפלות אהנע צו פערשטעהן דעם פירוש המלות דערפון. און טאקע מהאי טעמא, ווייל מ'זאגט דאס נור מיט די ליפען און דאס הערץ איז נישט דערביי הערט גאט ניט אונזערע אידישע תפלות. אזוי ווי ער בעקלאגט זיך אין ישעיה כ"ט: „יען כי נגש העם הזה בפיו... ולבו רחק ממני... לכן . . ."

נאך א בעוויז אז די אידישע תפלות קומען נור פון די ליפען און נישט פון הארץ. ווען א מיסיאנאר זאל אין שוהל אריין קומען בשעת אידען זאגען דעם „יהי רצון" און ער זאל זיי ערקלערען ווער דער „ישוע שר הפנים" איז, נעמליך, ישוע המשיח בעצמו ובכבודו, וואלט דער מיסיאנאר פון דארט מיט קיין גאנצע ביינער ניט ארויס געגאנגען. סטייטש, אידען וואס האט איהר צו איהם, ער האט דאך אייך נור דאס געזאגט וואס איהר מיט אייער אייגען מויל זאגט. וועלען זיי אייך אנטווארטען: „ווער דארף דאס עפעס וויסען! מיר זאגען עס נור מיט'ן מויל און דאט'ס אלל.

טייערער לעזער, מיר בעטען אייך ברחמים, גלויבט אין ישוע המשיח וואס איז דער „שר הפנים". טרייעט עס, וועט איהר זעהן און פיהלען אז די זינד וועלען פלוצים פון אייך פערשווינדען, און אייערע תפלות וועלען אנגענומען ווערען לטובה. איהר וועט אלע האבען א „שנת חיים ושלום" און א „שנת גאולה וישועה".

---

אונזערע פערזאמלונגען:

פרייטאג נאכט, 8 אוהר — פיר מענער און פרויען.

זאנטאג נאכט, 8 אוהר — פיר מענער און פרויען.


PUBLISHED MONTHLY BY THE WILLIAMSBURG MISSION TO THE JEWS, 27 TROOP AVE., BROOKLYN, N. Y.

ENTERED AS SECOND CLASS MATTER APRIL 14, 1922, AT THE POST OFFICE AT BROOKLYN N. Y., UNDER THE ACT OF MARCH 1, 1897.